**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 8/31/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט 232 מיליאן דאלער צו פינאנצירן וואסער אינפראסטרוקטור פראיעקטן לענגאויס ניו יארק סטעיט**

***פראיעקטן געפונען זיך אין לאנג איילענד, מיטל-הודסאן, מאוהאק וואלי, נארט קאנטרי, און מערב ניו יארק ראיאנען***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט געמאלדן איבער 232 מיליאן דאלער צו זיבן מוניציפאליטעטן פאר טרונק-וואסער און סוּער אינפראסטרוקטור פראיעקטן וואס זענען העכסט-נייטיג צו באשיצן פובליק געזונטהייט און די ענווייראָנמענט. די פריער אויסגעמאלדענע גרענטס און נידעריגע-קאסט פינאנצירונג פעקלעך באוויליגט דורך דעם ניו יארק סטעיט ׳ענווייראָנמענטאַל פאַסיליטיס קאָרפּאָרעישען׳ באָורד אָוו דירעקטאָרס וועט שטיצן וואסער אינפראסטרוקטור פראיעקטן אין סה״כ פון איבער 763 מיליאן דאלער.

״אין ווייט צופיל קאמיוניטיס, איז קריטישע וואסער אינפראסטרוקטור פארנאכלעסיגט געווארן ביז׳ן צעפאלן ווערן, אבער דא אין ניו יארק נעמען מיר שריטן צו באשיצן די געזונט און וואוילזיין פון ניו יארקער,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״די 232 מיליאן דאלערדיגע אינפראסטרוקטור אינוועסטירונג פאר מיסט-וואסער באהאנדלונג און פובליק וואסער סיסטעמען וועלן העלפן אונזערע צוזאמארבעטער אין ארטיגע רעגירונג מאכן באדייטנדע אינוועסטירונגען צו פארבעסערן וואסער אינפראסטרוקטור און פירט אויף ווייטער דער סטעיט׳ס אנטשלאסנקייט צו פארבעסערן וואסער קוואליטעט היינט און ווייט אריין אינ׳ם צוקונפט — שאפנדיג א געזונטערע, מער בליענדער ניו יארק פאר קומענדיגע דורות.״

די פינאנציעלע הילף באוויליגט דורכ׳ן באָורד רעכנט אריין קורץ-טערמיניגע פינאנצירונגען און פריער-געמאלדענע גרענטס וואס וועלן באזארגן קאפיטאל פאר ארטיגע רעגירונג אינסטאנצן זיי צו העלפן שטעלן אין גאנג קריטיש-וויכטיגע פראיעקטן. דער באָורד האט אויך באוויליגט עטליכע לאנג-טערמיניגע פינאנצירונג איבערבייטונגען וועלכע געבן ריבית פארלייכטערונג פאר פארענדיגטע פראיעקטן און העלפן רעדוצירן חובות פאר מוניציפאליטעטן.

פון די פראיעקט פינאנצירונג היינט אויסגעמאלדן, איז אומגעפער 200 מיליאן דאלער אין ריבית-לאזע פינאנצירונג באוויליגט געווארן פאר דריי מיסט-וואסער באהאנדלונגס פאבריק פראיעקטן אין לאנג איילענד וואס פארבעסערט ווידערשטאנד-פעאיגקייט און וואסער קוואליטעט.

דאס באוויליגן דורכ׳ן באורד רעכנט אריין פינאנצירונגען דורך דעם ׳ריינע וואסער סטעיט ריוואלווינג פאנד׳ און ׳טרונק-וואסער סטעיט ריוואלווינג פאנד׳ (DWSRF) און גרענטס שוין פריער אויסגעמאלדן אין איינקלאנג מיט דער ׳וואסער אינפראסטרוקטור פארבעסערונג געזעץ׳ (WIIA). באזוכט EFC׳ס וועבזייטל אויף זיך צו לערנען מער איבער וואסער אינפראסטרוקטור פינאנצירונג געלעגנהייטן.

**ענווייראָנמענטאַל פאַסיליטיס קאָרפּאָרעישען׳ פרעזידענטקע און CEO מאורין עי. קאלמען האט געזאגט,** ״ריינע וואסער און טרונק-וואסער אינפראסטרוקטור פראיעקטן קען זיין גאר אנגעשטרענגעטע פינאנציעלע אונטערנעמונגען פאר ניו יארק סטעיט קאמיוניטיס פון גרויס ביז קליין אבער זענען אזוי קריטיש-וויכטיג צו דער געזונטהייט און זיכערהייט פון ניו יארקער. EFC פרייידט זיך אז די נידעריגע-קאסט פינאנצירונגען און גרענטס היינט באוויליגט דורך דעם EFC באָורד וועט העלפן זיבן ארטיגע רעגירונגען צוגענגליך בויען פראיעקטן וואס וועט באשיצן וואסער קוואליטעט פאר פילע יארן אינ׳ם צוקונפט. EFC באדאנקט זיך פאר גאווערנער האקול פאר איר פירערשאפט אין ניו יארק׳ס פרעצעדענטלאזע שטיצע צו העלפן קאמיוניטיס פארבעסערן וואסער קוואליטעט, ווי ארויסגעוויזן מיט איר לעצטערע אויסמעלדונג אז עס איז פאראן 225 מיליאן דאלער אין סטעיט וואסער גרענטס. EFC מוטיגט ארטיגע רעגירונגען אויסצוניצן די פינאנצירונג געלעגנהייט און אריינגעבן אפליקאציעס צו EFC איידער דעם סעפטעמבער 9 דעדליין.״

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאלע אפהיטונג קאמיסיאנער און EFC באורד פארזיצער באסיל סעגאוס האט געזאגט,** ״אָפּגרעידס צו ניו יארק׳ס פארעלטערטע וואסער אינפראסטרוקטור זענען נייטיג צו פארבעסערן וואסער קוואליטעט, פארשטערקערטע וואוינונג סביבות און ערמעגליכן פאר אונזערע קאמיוניטיס צו בליען. די פינאנצירונג היינט אויסגעמאלדן דורך גאווערנער האקול זענען אינסטרומענטאל צו פאראויס-פירן פראיעקטן, אזוי ווי DEC׳ס צוזאמארבעטשאפט מיט נעסאוי קאונטי אויף דעם קריטיש-וויכטיגן בעי פארק פירונג פראיעקט, כדי אז זיי קענען פארזארגן לאנג-טערמיניגע בענעפיטן וואס באשיצן בארטן קאמיוניטיס, אפהאלטן וואסער פארפעסטונג און פארזיכערן ריינע טרונק-וואסער.״

**סטעיט העלט קאמיסיאנערין דר. מערי טי. באסעט האט געזאגט,** ״גאווערנער האקול פארשטייט אז א באדייטנדע אינוועסטירונג אין וואסער אינפראסטרוקטור איז נייטיג צו פארזיכערן א ריינע ענווייראָנמענט און באשיצן די פובליק געזונטהייט פון אלע איינוואוינער פאר פילע יארן אין דעם צוקונפט. דער סטעיט העלט דעפארטמענט ארבעט ווייטער מיט דעם ׳ענווייראָנמענטאַל פאַסיליטיס קאָרפּאָרעישען׳ און דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאלע אפהיטונג צו געבן אנווייזונגען און הילף צו ארטיגע אגענטורן צו פארזיכערן שטאנדהאפטיגע איינשטימיגקייט מיט ניו יארק סטעיט וואסער סטאנדארטן.״

**דעפארטמענט פון סטעיט סעקרעטאר ראבערט דזשעי. ראדריגעז האט געזאגט,** ״גאווערנער האקול אנערקענט אז די סארטן סטראטעגישע אינפראסטרוקטור אינוועסטירונגען שטעלן צו דעם יסוד פאר שטאנדהאפטיגע, לאנג-טערמיניגע קאמיוניטי געזונטהייט און לעבהאפטקייט. די אינוועסטירונגען אין וואסער און סוער אינפראסטרוקטור וועט צאלן רווחים פאר דורות דורך באשיצן פובליק געזונטהייט, שטיצן קאמיוניטי אנטוויקלונג און שטיצן עקאנאמישע בליאונג.״

**ריינע וואסער פראיעקט פינאנצירונג באשטעטיגט**

- שטאט קינגסטאן אין אולסטער קאונטי - 6,184,958 דאלער אין קורץ-טערמיניגע, ריבית-לאזע פינאנצירונג און א 1,975,000 דאלערדיגע WIIA גרענט פאר מיסט-וואסער באהאנדלונגס פאבריק אָפּגרעידס.
- נעסאוי קאונטי - 47,500,000 דאלער אין קורץ-טערמיניגע, ריבית-לאזע פינאנצירונג, 47,500,000 דאלער אין קורץ-טערמיניגע, מארקעט-ראטע פינאנצירונג און 26,812,500 דאלער אין לאנג-טערמיניגע ריבית-לאזע פינאנצירונג אויף צו פלאנירן, אויסשטעלן און בויען אויספליס אפווענדונגען פון דעם בעי פארק סוער באהאנדלונג פאבריק צו דעם סידער קריעק וואסער פארפעסטונג קאנטראל פאבריק. דער פראיעקט וועט צושטעלן שטאנדהאפטיגקייט, פלייצונג לינדערונג און פארבעסערן וואסער קוואליטעט אין רעינאלדס טשענעל.

- ווילעדזש אָוו לאוויל אין לואיס קאונטי - 10,809,000 דאלער אין לאנג-טערמיניגע ריבית-לאזע פינאנצירונג צו רעהאביליטירן אפגעשוואכטע סעניטערי סוערס און צו אינסטאלירן א נייע שטורעם-וואסער פארזאמלונג און אויסטיילונג סיסטעם.
- סופאלק קאונטי - 81,624,796 דאלער אין לאנג-טערמיניגע ריבית-לאזע פינאנצירונג צו ערזעצן די אויספליס וואס ציעט זיך פון דעם בערגען פוינט מיסט-וואסער באהאנדלונגס פאבריק ביז'ן דזשאנס ביטש באצוימונג אינזל אונטערן גרעיט סאַוט בעי.
- ווילעדזש אָוו ווערנאן אין אניידע קאונטי - 5,212,500 דאלער אין לאנג-טערמיניגע אינטערעסטלאזע פינאנצירונג און 750,000 דאלער WIIA גרענט צו פלאנירן און בויען מיסט-וואסער באהאנדלונגס פאבריק פארבעסערונגען.

**טרונק-וואסער פראיעקט פינאנצירונג באוויליגט**

- ווילעדזש אָוו סאוט דעיטאן אין קאטאראוגוס קאונטי - 1,401,900 דאלער אין קורץ-טערמיניגע, ריבית-לאזע פינאנצירונג און 1,823,100 דאלער גרענט פון דעם טרונק-וואסער סטעיט ריוואלווינג פאנד פאר קוואל פארבעסערונגען, אונטער-ערד וואסער באהאנדלונג פארבעסערונגען, באהאנדלונג טאנק רעהאביליטירונג, ערזעצונג פון אומגעפער 4,200 פיס אויסטיילונג מעינס און דאס ערזעצן אומגעפער 250 וואסער מיטערס.
- ווילעדזש אָוו פילאדעלפיע אין דזשעפערסאן קאונטי - 683,400 דאלערדיגע WIIA גרענט צו בויען א וואסער באהאנדלונג געביידע, צו באהעפטן און פארבעסערן אן אונטער-ערד וואסער פראדוקציע קוואל, און וואסער מעין אינסטאלאציע.

**סטעיט וואסער גרענט אפליקאציעס צוליב סעפטעמבער 9**

EFC נעמט איצט אן אפליקאציעס פאר 225 מיליאן דאלער אין גרענטס צוגעשטעלט דורך דער וואסער אינפראסטרוקטור פארבעסערונג (WIIA) און צווישן-מוניציפאלע גרענטס (IMG) פראגראמען, ווי אויסגעמאלדן דורך גאווערנער האוקול אין יולי. די לעצטע רונדע גרענטס וועט העלפן מאכן וואסער אינפראסטרוקטור אינוועסטירונגען מער צוגענגליך פאר ארטיגע רעגירונגען און שאפן דזשאָבס אין די פאבריצירונג, אינזשינערונג, קאנסטרוקציע, פאבריק אפעראציעס און פארבינדענע אינדוסטריע סעקטארן. ארטיגע רעגירונגען קענען זיך לערנען מער און זיך אנווענדן אויף אויסצוגעפונען מער efc.ny.gov/wiia. אפליקאציעס מוזן אריינגעגעבן ווערן ביז סעפטעמבער 9.

**ניו יארק'ס אנטשלאסנקייט צו וואסער קוואליטעט**

ניו יארק האלטן אן ווייטער העכערן אינוועסטירונגען אין ריינע וואסער אינפראסטרוקטור פראיעקטן. אונטער די פירערשאפט פון גאווערנער האוקול, גיבט דער 2022-23 דורכגעפירטער בודזשעט ערלויבעניש פאר נאך 1.2 ביליאן דאלער, פאר א סה"כ 4.2 ביליאן דאלער, פאר דעם היסטארישן 'ריינע וואסער, ריינע לופט, און גרינע דזשאבס ענווייראנמענטאלע באָנד' געזעץ. די היסטארישע איניציאטיוו, צו ווערן אויפגענומען דורך ווייל**ע**ר שפעטער דאס יאר, וועט אָפּדעיט'ען פארעלטערטע וואסער אינפראסטרוקטור און באשיצן וואסער קוואליטעט; רעדוצירן לופט פארפעסטונג און נידערן קלימאט-ענדערנדע עמיסיעס; אויפריכטן באשפעניש וואוין-ערטער; פארשטערקערן קאמיוניטיס ווידערשטאנד-פעאיגקייט קעגן שווערע שטורעמעס און פלייצונגען; אפהיטן אפן-לופטיגע ערטער און ארטיגע פאַרמס; און פארזיכערן גלייכקייט דורך אינוועסטירן לכל הפחות 35 פראצענט, מיט א ציל פון 40 פראצענט, פון הילפס-מיטלען אין קאמיוניטיס אין שוואכערע אומשטענדן.

אין צוגאב אנטהאלט אויך דער בודזשעט נאך 500 מיליאן דאלער אין ריינע וואסער אינפראסטרוקטור פינאנצירונג, ברענגנדיג דעם סטעיט'ס סך הכל ריינע וואסער אינוועסטירונג צו 4.5 ביליאן דאלער זינט 2017. עס אנטהאלט אויך א רעקארד 400 מיליאן דאלערדיגע ענווייראנמענטאלע באשיצונג פאָנד צו שטיצן קלימאט ענדערונג לינדערונג און צופאסונג באמיאונגען, פארבעסערן אגריקולטורעלע מיטלען צו

שטיצן שטאנדהאפטיגע אגריקולטור, באשיצן אונזערע וואסער קוועלער, ווייטער פירן קאנסערוואציע באמיאונגען, און צושטעלן פארוויילונגס מעגליכקייטן פאר ניו יארקער.

**פאראויס-פירן ענווייראנמענטאלע יוסטיץ אין מאונט ווערנאן**

אונטער די פירערשאפט פון גאווערנער האוקול, האט דער סטעיט באשטימט א היסטארישע 150 מיליאן דאלערדיגע אינוועסטירונג און א צוזאמארבעט מיט מאונט ווערנאן מעיאר שאון פעטערסאן-האווארד און וועסטשעסטער קאונטי עקזעקיוטיוו דזשארדזש לעטימער צו אדרעסירן לאנגיעריגע וואסער אינפראסטרוקטור און פארבינדענע פובליק געזונטהייט פלאגענישן וואס די שטאט מאונט ווערנאן טוט אויסשטיין שוין צענדליגע יארן. די מאונט ווערנאן שטאט קאונסיל האט באוויליגט 6 מיליאן דאלער אין סטעיט-פינאנצירטע קאנטראקטן פריער דעם חודש אונטער דער צוזאמארבעט, א הויפט גרייכפונקט צו ערמעגליכן דאס אנהייבן פריאריטעט סוער פארריכטונגען און לאנג-טערמיניגע פלאנירונג פאר צוקונפטיגע מיסט-וואסער פראיעקט. נאך 3 מיליאן דאלער אין פעדעראלע פינאנצירונג איז באשטימט געווארן צו העלפן מאונט ווערנאן איינוואוינער אפעקטירט דורך דער סוער און וואסער אינפראסטרוקטור קריזיס אין דער שטאט דורך דעם גאווערנער׳ס אפיס פון שטורעם ערהוילונג׳ס געזונטע היימען פראווו פראגראם אויסגעמאלדן אין יולי. פאראינטערעסירטע איינוואוינער קענען באזוכן stormrecovery.ny.gov/mountvernon זיך צו לערנען מער.

**ארטיגע רעגירונג אינסטאנצן ווערט געמוטיגט זיך צו באטייליגן אין ריינע וואסער-אפשיידן נויטיגט זיך אין אן סורוועי**

EFC מוטיגט מוניציפאליטעטן זיך צו באטייליגן אין דעם ענווייראנמענטאלע באשיצונג אגענטור (EPA) ריינע וואסער-אפשיידן געברויכן אנקעטע, וועלכע האט זיך אנגעהויבן אין ניו יארק אום מערץ 1. אנטיילנעמען איז קריטיש-וויכטיג, וויבאלד עס קען אפעקטירן וויפיל פעדעראלע CWSRF דאלארען וועלן באשטימט ווערן פאר ניו יארק סטעיט צו פינאנצירן צוקונפטיגע ריינע וואסער אינפראסטרוקטור פראיעקטן. מוניציפאליטעטן ווערן געבעטן גרייט מאכן דאקומענטן איבער זייער קאמיוניטי׳ס מיסט-וואסער אינפראסטרוקטור געברויכן אויף ארייננצוגעבן צו EPA. גייט צו www.efc.ny.gov/needs ארייננצוגעבן דאקומענטן און פאר הילפס-מיטלען ארויסצוהעלפן מיט׳ן איינגעבן.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418